בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת חיי שרה תשע"ז | שבת מברכין ר"ח כסלו יום ה' | גליון 385 [שנה ח']

**אינטרעסאנטע באמערקונג ביי די אמהות און צ"ע**

קיינער פון די אמהות האבן נישט געקענט זייער שנור! שרה האט נישט געקענט רבקה ווייל שרה איז געשטארבן גלייך נאך די עקידה, און ווען יעקב איז צוריק געקומען מיט רחל און לאה האט שוין רבקה נישט געלעבט. (תפוחי חיים – פאנעט קארלסבורג) קען איינער אפשר זאגן א טעם?

**כולן שוין לטובה**

וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה: (כג א) שטייט אין מדרש הה"ד יוֹדֵעַ ה' יְמֵי תְמִימִם. (תהלים לז יח) כְּשֵׁם שֶׁהֵם תְּמִימִם כַּךְ שנותם תמימות, לכאורה א מדרש פליאה! נאר עס שטייט אין ספרים אז א תָּמִים לעבט באמונה שלימה ווייל כָּל דעביד רחמנא לטַב עָבִיד, אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז גוט פארן מענטש, דאס מיינט דער מדרש יוֹדֵעַ ה', זיי ווייסן, אז אלעס איז פון ה', יְמֵי תְּמִימִם, די אלע טעג וואס דער תמים לעבט, אזוי ווי עס שטייט (דברים לב ד) הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אלעס איז ריכטיג פון ה', דאס מיינט רש"י: כולן שוין לטובה: אז אפילו ביי שרה וואס עס איז געווען א לעבן פון צער און עגמת נפש, זייענדיג א עֲקָרָה און מיט הָגָר וכו', אבער זי האט נישט געהאט קיין טענות און זיך געהאלטן מיט איר אמונה, ווייל כולן שוין לטובה, אלעס וואס דער אויבערשטער האט געטאן איז געווען פאר איר א טובה. (תפוחי חיים – פאנעט קארלסבורג)

**וואס איז די שייכות מיתת שרה צו די ענקים**

וַתָּמָת שָׂרָה בְּקִרְיַת אַרְבַּע הִוא חֶבְרוֹן: (כג ב) זאגט רש"י צוויי פשטים אויף קִרְיַת אַרְבַּע: על שם ארבע ענקים שהיו שם, וועגן די פיר ריזין פון דארטן: אֲחִימַן, שֵׁשַׁי וְתַלְמַי ואביהם. ד"א על שם ד' זוגות שנקברו שם, ווייל פיר זוגות זענען באגראבן דארטן איש ואשתו: אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה: –, דארף מען פארשטיין בשלמא לויט דער צווייטן פשט איז פארשטענדלאך, ווייל פיר חשוב'ע זוגות וועלן דארטן ליגן דעריבער וַתָּמָת שָׂרָה בְּקִרְיַת אַרְבַּע, אבער לויטן ערשטע פשט, וואס איז די שייכות ריזין מיט וַתָּמָת שָׂרָה? נאר עס שטייט אין א מדרש אז דער שטן איז געקומען צו שרה און דערציילט וואס אברהם גייט טאן צו איר זון יצחק, האט זי געבעטן די ענקים, וואס האבן געקענט קוקן זייער ווייט און זיי האבן געזאגט אז זיי זעהען ווי יצחק איז צוגעבונדן און אברהם שטייט איבער אים, מִיַּד פָּרְחָה נִשְׁמָתָהּ ע"כ דברי המדרש, קומט אויס אז די ענקים האבן גורם געווען די מיתת שרה דעריבער שטייט וַתָּמָת שָׂרָה וועגן די ענקים בְּקִרְיַת אַרְבַּע. (אמרי יצחק – הגאון ר' יצחק מאיר הלוי קאצינעלינבויגען)

**שיינע מהלך אויפן סדר פון לספוד און לבכותה**

וַיָּבֹא אַבְרָהָם לִסְפֹּד לְשָׂרָה וְלִבְכֹּתָהּ: (כג ב) דער ספר אבן ישפה פון אב"ד שָׁוֶוערְזָנָא פרעגט פארוואס שטייט נישט וַיָּבֹא אַבְרָהָם לִסְפֹּד וְלִבְכֹּתָהּ לְשָׂרָה: פארוואס טוט די ווארט לְשָׂרָה מפסיק זיין צווישן לִסְפֹּד און וְלִבְכֹּתָהּ? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויטן פשט פון מַשְׂכִּיל לְדָוִד להר' דָּוִד פַּארְדוֹ זצ"ל וואס פרעגט פארוואס שטייט פריערט לִסְפֹּד און נאכדעם וְלִבְכֹּתָהּ, ווייל דעם געוועונטלכן סדר איז לִבְכֹּתָהּ וְלִסְפֹּד, פריערט צו וויינען און נאכדעם צו מספיד זיין? און ער ענטפערט א שיינעם תירוץ אז אברהם איז געווען אזוי דערהויבן און בשמחה פון די עקידה אז די מיתת שרה האט אים נישט געקענט ברענגען צו וויינען, אבער נאכדעם וואס אברהם האט איר געמוזט מספיד זיין און האט געזאגט אירע שבחים און האט געפילט וואס ער האט פארלוירן האט אים דאס געברענגט צו וויינען דעריבער שטייט פריערט לִסְפֹּד און נאכדעם וְלִבְכֹּתָהּ ע"כ דברי מַשְׂכִּיל לְדָוִד. לפי דבריו קען מען אויך פארענטפערן דעם דיוק פון פריערט, ספר אבן ישפה, ווייל דער אמת אברהם איז געקומען נאר צו מספיד זיין שרה ווייל דאס איז א כבוד פארן מת, אבער וויינען האט ער נישט געקענט, דעריבער שטייט וַיָּבֹא אַבְרָהָם נאר לִסְפֹּד לְשָׂרָה, און ערשט נאכדעם, פון הספד, דאס האט אים געברענגט צו וְלִבְכֹּתָהּ, וויינען. (שְׂמַח זְבוּלוּן – י. ז. קליטניק)

**וואס מיינט לָהּ צו איר און וואס מיינט מַחֲרִישׁ?**

וְהָאִישׁ מִשְׁתָּאֵה לָהּ מַחֲרִישׁ לָדַעַת הַהִצְלִיחַ ה' דַּרְכּוֹ אִם־לֹא: (כד כא) לכאורה איז א פלא עס וואלט נאר געדארפט שטיין וְהָאִישׁ מִשְׁתָּאֵה לָדַעַת הַהִצְלִיחַ, וואס מיינט לָהּ? אויך ווי פאסט דא די ווארט מַחֲרִישׁ, צו וואס דארף ער שווייגן? נאר מען קען זאגן אז אליעזר האט געהאט זיין כוונה מיט מִשְׁתָּאֵה ער האט געוויזן א פנים צו רבקה אזוי ווי ער וואונדערט זיך אז עפעס איז אינטרעסאנט, דאס מיינט לָהּ, צו איר, און מַחֲרִישׁ, ער האט איר גארנישט געזאגט וואס עס איז אים זיין וואונדער, און זיין כוונה איז געווען צו זען אויב רבקה איז א צנועה, ווייל אויב יא, וועט זי נישט פרעגן א פרעמדער מענטש אזא שאלה, און ווייל זי האט גארנישט געפרעגט, איז זי א צנועה און זי פאסט פאר יצחק און דער אויבערשטער האט אים געוויזן און געפירט צום ריכטיגן פלאץ, דאס איז אלעס געווען לָדַעַת הַהִצְלִיחַ ה' דַּרְכּוֹ אִם־לֹא. (באר יצחק – הרה"צ ר' יצחק אב"ד אַלִיק מתלמידי אדמו"ר טשרנאביל)

**מהר המוריה בא**

וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל וַיֹּאמְרוּ מֵה' יָצָא הַדָּבָר לֹא נוּכַל דַּבֵּר אֵלֶיךָ רַע אוֹ טוֹב: (כד נ) שטייט אין מדרש (בראשית רבה ס י) מהיכן יצא? מהר המוריה יצא! לכאורה איז דאס א פליאה וואס איז דער שייכות הר המוריה צום שידוך? נאר מען קען זאגן אז זיי האבן געוואלט מבטל מאכן דעם שידוך מיט א טענה אז רבקה איז א גרויסע צדיקות און ווער זאגט אז יצחק איז אזוי גרויס ער זאל פאסטן פאר איר? דעריבער ווען אליעזר האט געזאגט אז יצחק איז געווען גרייט צו ווערן א קרבן אויף הר המוריה אויב אזוי לֹא נוּכַל דַּבֵּר אֵלֶיךָ רַע אוֹ טוֹב: (בית ישראל השלם למוה"ר האדמו"ר ממאטעטערסדארף זצוק"ל)

**אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש פרק ח - מה ידידות**

מַה יְּדִידוּת מְנוּחָתֵךְ אַתְּ שַׁבָּת הַמַּלְכָּה, בְּכֵן נָרוּץ לִקְרָאתֵךְ בּוֹאִי כַלָּה נְסוּכָה, לְבוּשׁ בִּגְדֵי חֲמוּדוֹת, לְהַדְלִיק נֵר בִּבְרָכָה, וַתֵּכֶל כָּל הָעֲבוֹדוֹת לֹא תַעֲשׂוּ מְלָאכָה. לְהִתְעַנֵּג מֵעֶרֶב מְזַמְּנִים כָּל מִינֵי מַטְעַמִּים, מִבְּעוֹד יוֹם מוּכָנִים תַּרְנְגוֹלִים מְפֻטָּמִים, וְלַעֲרוֹךְ כַּמָּה מִינִים, שְׁתוֹת יֵינוֹת מְבֻשָּׂמִים, וְתַפְנוּקֵי מַעֲדַנִּים בְּכָל שָׁלֹשׁ פְּעָמִים. לְהִתְעַנֵּג נַחֲלַת יַעֲקֹב יִירַשׁ בְּלִי מְצָרִים נַחֲלָה, וִיכַבְּדוּהוּ עָשִׁיר וָרָשׁ וְתִזְכּוּ לִגְאֻלָּה, יוֹם שַׁבָּת אִם תִּשְׁמֹרוּ וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה, שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבוֹדוּ וּבַשְּׁבִיעִי נָגִילָה. לְהִתְעַנֵּג חֲפָצֶיךָ אֲסוּרִים וְגַם לַחֲשׁוֹב חֶשְׁבּוֹנוֹת, הִרְהוּרִים מֻתָּרִים וּלְשַׁדֵּךְ הַבָּנוֹת, וְתִינוֹק לְלַמְּדוֹ סֵפֶר לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת, וְלַהֲגוֹת בְּאִמְרֵי שֶׁפֶר בְּכָל פִּנּוֹת וּמַחֲנוֹת, לְהִתְעַנֵּג. הִלּוּכָךְ תְּהֵא בְנַחַת עֹנֶג קְרָא לַשַּׁבָּת, וְהַשֵּׁנָה מְשֻׁבַּחַת כְּדַת נֶפֶשׁ מְשִׁיבַת, בְּכֵן נַפְשִׁי לְךָ

עָרְגָה, וְלָנוּחַ בְּחִבַּת כַּשּׁוֹשַׁנִּים סוּגָה בּוֹ יָנוּחוּ בֵּן וּבַת, לְהִתְעַנֵּג. מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא יוֹם שַׁבָּת מְנוּחָה כָּל הַמִּתְעַנְּגִים בָּהּ יִזְכּוּ לְרוֹב שִׂמְחָה מֵחֶבְלֵי מָשִׁיחַ יֻצָּלוּ לִרְוָחָה פְּדוּתֵנוּ תַצְמִיחַ וְנָס יָגוֹן וַאֲנָחָה. לְהִתְעַנֵּג אין פריערדיגן גליון האט מען געפרעגט עס שטימט נישט די ר"ת מנחם ווייל עס איז שלא כסדרן! און לפי נוסח קארלין סטאלין איז די פאל מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא פאר הִלּוּכָךְ תְּהֵא בְנַחַת, שטימט גוט די ר"ת מנח"ם. האט מיר מעורר געווען ש"ב הגאון ר' יחיאל גאלדהאבער שליט"א אז אין זמירות 'מטה יהודה' (אופיבאך תפ"א) פארענטפערט די שאלה ווייל דער מחבר האט געוואלט סומך זיין ביידע פעלער פון חֲפָצֶיךָ אֲסוּרִים און הִלּוּכָךְ תְּהֵא בְנַחַת וואס רעדן וועגן הלכות שבת. און דער נוסח פון קארלין איז אזוי ווי סידור עמדין (לעמבערג תרס"ד) וואס שרייבט מען דארף איבערדרייען די לעצטע פעלער כדי זאל שטימן די ר"ת מנח"ם. (המשך יבא בגליון הבא)

## מדור העובדות

## דורך אמונה פשוטה אין צדיק באקומט ער עשירות פאר אסאך דורות

דער הייליגער אבני נזר, הגאון הקדוש ר' אברהם מסאכאטשוב זצוק"ל, פלעגט דערציילן: אין שטאט קראקא האט געוואוינט א איד א שענקער וואס האט געהאט זייער שיין פרנסה דורך זיין פארן יעדן יאר קיין אונגארן און איינגעהאנדלט גוטע פעסער פון כשר'ע וויין און דאס צוריק געברענגט קיין קראקא און פארקויפט זיין גוטע וויין אין קליינע פלעשער אדער א גוטן גלאז. ער האט געהאט א גוטן נאמען זייענדיג א עהרליכער סוחר און אז ער ברענגט יעדן יאר גאר גוטע וויין און אזוי במשך די יארן האט ער איינגעזמלט א שיינע פארמעגן.

עס האט זיך געמאכט א גוטע געשעפט וואס ער האט אריינגעלייגט זיין געלט אין דעם, אבער מה' יצא הדבר און ער האט פארלוירן זיין גאנצן פארמעגן. יעצט האט ער שוין נישט געקענט איינקויפן א גרויסע קוואנטום פון וויין נאר האט געמוזט אנבארגן עפעס געלט און האט נאר געקויפט א פאר פעסער און דאס באצאלט און איז געבליבן מיט געלט נאר אויף צו לעבן. אזוי האט זיך געפירט א פאר יאר, ביז איין יאר האט ער געהערט פון דער וואונדערליכן צדיק ר' הערשל'ע מרימינוב זצוק"ל און זייענדיג א תמימות'דיגן איד האט ער געהאט אמונה אז דער צדיק וועט אים העלפן, און פאר ער איז געפארן קיין אונגארן פארט ער אהין און שרייבט א קוויטל און נעמט אביסל פון זיין געבארגטע געלט און גיט דאס פארן צדיק אלעם א פדיון, דער צדיק נעמט און לייענט דעם קוויטל און זאגט פארן שענקער אויב דו ווילסט א גוטע ברכה זאלסטו מיר געבן כך וכך געלט וואס דאס האט געטראפן פונקט וויפיל דער שענקער האט אנגעבארגט אויף איינצוקויפן וויין.

ער טראכט נישט קיין סאך און גיט איבער פארן צדיק דעם בייטל געלט און דער רבי ווינטשט אים אן ער זאל האבן א אויסערגעוועינטליכן הצלחה אין זיין איינקויפן וויין אין אונגארן, דער שענקער איז מלא שמחה און פול מיט אמונה און פארט קיין אונגארן. דער סדר איז געווען אז עס איז געווען אין די צייט פון פארקויפן די וויין פלעגן די סוחרים זיך ארומדרייען אין א שוק און די מעקלערס פלעגן אנטראגן וויין פאר די סוחרים, אונזער שענקער דרייט זיך אהין און אהער עטליכע טעג און ער אנטזאגט די מעקלער'ס, דערווייל די שוק פון פארקויפן האט זיך שוין געהאלטן ביים פארשליסן און דער שענקער גלויבט אז א ישועה ווארט אים אפ און בלייבט נאך דארט.

דער שוק האט זיך פארמאכט אבער דער שענקער, זייענדיג א איינציגער סוחר, איז נאך געבליבן אין די אכסניא וואו די סוחרים פלעגן איינשטיין. עס גייט אריבער אפאר טעג ווען דער שענקער הערט ווי מען זוכט זייער נויטיג א סוחר פון וויין און ווען ער קומט פָאר רופט זיך אָן דער מעקלער און זאגט איך האב פאר דיר א געשעפט וואס דו וועסט קענען גאר שיין פארדינען און דער שענקער הערט אים אויס: עס זענען דא צוויי ברידער וואס האבן געיאַרשֶנט פון זייער טאטע א ריזיקן וויין קעלער פון גוטע וויין אבער די לעצטע צוואנציג יאר איז געווען א קריגערייי צווישן די צוויי ברידער און די וויין קעלער שטייט אזוי פארשלאסן און פארזיגלט ווייל זיי רעדן נישט איינער צום אנדערן, אבער ברוך ה' נעכטן איז פלוצלינג געווארן א שלום ביי די ברידער און זיי ווילן יעצט פארקויפן די וויין קעלער, אבער זיי ווילן פארקויפן אלעם צו איין סוחר און נישט פעסער פעסער. און די פרייז איז ממש האלב געלט!

דער שענקער קווענקלט און ווייסט נישט ווי ארויס צו זאגן אז ער האט אפילו א פרוטה אויך נישט און אוודאי אזא סכום צו קויפן א וויין קעלער! דער מעקלער זעט ווי דער שענקער קווענקלט און זאגט: איך פארשטיי אז דו האסט שוין אויסגענוצט דיין געלט אויף סחורה, נו! מאכט נישט אוים אלע קענען דיר אלעם א ארענטליכע סוחר בין איך זיכער אז די ברידער וועלן מסכים זיין דאס צו פארקויפן אויף בארג. און דער מעקלער גייט צו די ברידער און לייגט פאר זיין הצעה און ווייל די ברידער האבן שוין אויך געהערט וועגן דעם שענקער פון קראקא, האבן זיי מסכים און מען האט זיך אוועקגעזעצט און געשריבן א שטר און געמאכט א געשעפט.

די ברידער האבן זיך געפריידט אז זיי האבן אנגעטראפן א ארענטליכן סוחר און דער שענקער האט זיך געפריידט מיט זיין השגחה. דער וויין קעלער וואס איז געווען פארזיגלט צוואנציג יאר האט מען יעצט געעפנט און דער שענקער בעט נאר אז ער וויל עפענען עטליכע פעסער צו זען צו די וויין איז נאך גוט! און די ברידער האבן פארשטאנען און מסכים געווען. דער שענקער ווערט באגייסטערט אויף די גאר אלטע וויין וואס האט א טעם גן עדן און די ברידער האבן באשטעלט עטליכע וועגענער צו אנלאדנען אלע פעסער פון קעלער, און הייסן אנלאדענן די פעסער. דער שענקער גיט א שבח והודאה פארן אויבערשטן און זעט די ברכת צדיק האט געהאלפן,

דערווייל קומען אן די פעסער אין קראקא און דער שענקער האט געמאלדן אז דעם יאר האט ער ב"ה איינגעהאנדלט גאר אלטע וויין וואס איז ממש טעם גן עדן אבער עס וועט זיין זייער טייער! די פיין שמעקער'ס פון וויין זענען געקומען טועם זיין פון די וויין און טאקע געזען אז דאס איז גאר גוטע וויין, און ווי פייער, איז שנעל געלאפן די נייעס, און פון נאנט און ווייט איז מען געקומען קויפן סיי פעסער און סיי פלעשער! דער איד האט אין א פאר חדשים פארקויפט וויין פאר גרוים פארדינסטן אז ער האט שוין געהאט גענוג אויף צו באצאלן די צוויי ברידער און די אנדערע בעלי חובות! דער שענקער האט אין קומענדיגן יאר געהאט גענוג געלט אויף איינצוהאנדלן א גרויסע קוואנטום פון וויין אין אונגארן און אזוי מיט די צייט איז ער געווארן דער גרעסטער וויין פאבריק אין קראקא.

דער הייליגער אבני נזר פלעגט דערציילן די מעשה און געזאגט דעם נאמען פון יענער באוואוסטער וויין קעלער אין קראקא, און געזאגט ווי ווייט דער כח פון אמונת צדיקים בתמימות קען דערגרייכן אזא עשירות פארן שענקער און פאר זיינע קינדער אויף ווייטער. (ספר כהן גדול משרת)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן לפי בקשת הרבים. וועגן שבת קודש. שרייב איך מער נישט קיין פרייזן

, א לאנגע גאנצע בריוו פון היילינגן חפץ חיים, כת"י ר' חיים וויטאל- זיין בר מצוה דרשה, א חיבור פון נתיבות זיין ספר אמת ליעקב, מחזור לימים נוראים ולימים טובים נוסח ספרד דפוס זיטאמיר שנת תרכ"ד זייער זעלטן שיינע מצב און געבונדן, מחזור לשלש רגלים דפוס סלאוויטא מיט גרויסע גליונות, 42 מכתבים לרב גדול בדברי תורה שלא נדפסו, 2 אור שמח, 7 חזון איש, ר' מנחם זעמבא, רוגטשוב, ר' אלחנן, ר' ברוך בער,ועוד בריוו פון היילינגן חכם צבי, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יעיר אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל, ספר אוצר הרבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. ר' יחזקאל ליבשיץ בעל המדרש והמעשה און אויך זיין ברודער ר' הילל, זייער אינטרעסאנט תוכן

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת